LIBRARIES
UNIVERSITY OF WISCONSIN–MADISON

# A tremp bist da geh waiter geh \= א פמערט· בזיט געה רעטייוו, געה.

Goldfaden, A. (Abraham), 1840-1908

New York, New York: Hebrew Publishing Company (83-87 Canal St.), 1914

https://digital.library.wisc.edu/1711.dl/FNKFK7DYR2QWZ8G

http://rightsstatements.org/vocab/NKC/1.0/

The libraries provide public access to a wide range of material, including online exhibits, digitized collections, archival finding aids, our catalog, online articles, and a growing range of materials in many media.

When possible, we provide rights information in catalog records, finding aids, and other metadata that accompanies collections or items. However, it is always the user's obligation to evaluate copyright and rights issues in light of their own use.

728 State Street | Madison, Wisconsin 53706 | library.wisc.edu

# מוזיק אלבום
# MUSIC ALBUM



## א טרעמפּ ביזטו
## געה ווייטער, געה

ווערטער פון י. ריינגאָלד

אראנזשירט פיר פּיאַנאָ ביי י. מ. רומשיסקי

## A Tremp Bistu
## Geh Weiter, Geh


Words by I. REINGOLD

Arranged for Piano by

J. M. RUMSHISKY


Piano, 50 cents.






HEBREW PUBLISHING CO.
83-87 CANAL ST. NEW YORK

# A tremp bist da geh waiter geh

Words by REINGOLD

Music by
A. GOLDFADEN
Arr. by J. M. Rumshisky




Copyright 1914 by The Hebrew Pub. Co. N.Y.


wil er a - rain nur ta te le mein die thir is fir ihm festfer - macht In
wie er nehmt kla-pen mit lia - rem in gwald der hert sich sein wei bels gesh-
rei A wek di kol - boi - nik ich mei-mes dich bald A
trenp bis ti geh mei-ter geh
Nash spiel
LH

# אַ טרעמפּ ביזטו, געה ווייטער געה!

פון יצחק ריינגאָלד

1.

פעריאָמערט, פערקלאָגט,
געקריינקט און געפּלאָגט,
שטעהט בערל אויף יענער זייט טהיר,
ער קלאַפּט און ער קלאַפּט,
ער ווערט שיעור פערכאַפּט,
די טהיר בלייבט דאָך פעסט, כאָטש קראַפּיר.
ער קומט יעצט אַהיים, פון אַ „פּויקער גיים",
געשפּיעלט באַלד אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
יעצט וויל ער אַריין, נור טאַטעלע מיין,
די טהיר איז פון איהם פעסט פערמאַכט,
און ווי ער נעהמט קלאַפּען מיט לאַרעם און גוואַלד,
דערהערט זיך זיין ווייבעלע'ס געשריי :
„אַוועק דו כל־בו'ניק, איך ממית דיך באַלד,
אַ טרעמפּ ביסט דו, געה ווייטער, געה "

2.

זי טענה'ט און קלאָגט :
„איך האָב דיר געזאָגט,
מיט מיר, ברודער, מאַכט מען קיין שפּאַס,
ווען דו — נעהם אין — אַכט —
קומסט נאָך האַלבע נאַכט,
דאַן קריינקסטו ביי מיר אויפ'ן גאַס,
איך האַלט וואָס איך זאָג, און כאַפּט דיך דער קלאָג,
אַמעריקא איז נאָך אַ לאַנד,
איך וועל נאָך אין נויטה, פערדיענען מיין ברויט,
און דו שלאָג זיך קאָפּ אָן דער וואַנד !
וואָס אַרט דיך אַ ווייב, און וואָס טויג דיר אַ היים,
אַ געמבלער ! אַז אָך און אַז וועה,
אַז וואו נאָר אַ דאָלאַר בעגראָבסטו אין גייט,
אַ טרעמפּ ביזט דו, געה ווייטער, געה !"

3.

פרעמד איז מיר ניט
דיין יעטוועדער טריט,
איך ווייס דיינע טרעמפּעשע געגנ,
צו וועלווקע פּאַרטאַטש,
צו פּייווקע יונגאַטש,
דיין אייגענע שטוב איז דיר ענג.
קוים פרעסט דו נאָר אָב, אין דר'ערד מיט'ן קאָפּ,
ווער זעהט דיך, ווער קוקט דיך שוין אָן ?
פעררייסען דעם עק, און ראַפּטום אַוועק,
אַ פיערטע האַנד פּעהלט דאָרט צום קאָן,
די לעצטע פּאָאר סענט וואָס אין הויז איז געווען,
האָסט דו אויך פערגעמבעלט, אוי וועה !
יעצט וויל איך דיך מעהר ניט הערען, ניט זעהן,
אַ טרעמפּ ביזט דו, געה ווייטער, געה !"

4.

— אוי, לאָז מיך אַריין,
איך שווער, איך וועל זיין
אַ גוטער, אַ וואוילער פון היינט.
איך שווער דיר, איך בלייב
אין שטוב, כאָטש מיך טרייב,
דו קענסט דאָך מיין גוט האַרץ, מיר שיינט,
איך שפּיעל שוין — איך שווער — קיין פּויקער ניט מעהר,
קיין „אָקע", קיין „פּידרא", קיין סטאָפּ",
און נאַר איך דיך נאָך, דאַן זאָל מיר דער בראָך,
אַוועקלעגען דאָ אויף דער גאַס ! —
„איך קען דיינע שבועות, איך קען דיך גאַנץ פיין"
— דערהערט זיך איהר שטימע, מיט וועה —
„מעגסט קלאַפּען ביז מאָרגען, איך לאָז ניט אַריין,
אַ טרעמפּ ביזט דו, געה ווייטער געה !"

5.

צו ווייסטו מיין בראָך,
אוי האָב איך אַ וואָך —
פערענטפערט זיך בערל און קלאָגט.
עס געהט מיר קיין קאָרט,
כאָטש פּלאַטץ אויפ'ן אָרט,
מיין מזל אויף שונאים געזאָגט.
קוים קריג איך „צוויי פּאָאר" אַמאָל אין אַ יאָהר,
קריגט יענער „דריי טייז", היינט געה קלעהר !
האָב איך אַ פול הויז, און האַלט מיך שוין גרויס,
זאָגט יענער „פיער מיידלעך" איז מעהר.
„וואָס רעדסטו פון מיידלעך, וואָס פלוידערסטו מייז,
ווען מיר, דיין ווייב, איז ווינד און וועה —
איך האָב ניט קיין קליידער און האָב ניט קיין שפּייז,
אַ טרעמפּ ביסט דו, געה ווייטער געה !"

6.

וואו קען איך דען געהן ?
דו דאַרפסט דאָך כערשטעהן,
איך האָב ניט קיין פּעני ביי זיך,
מיין געלט איז קאַפּוט,
דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט,
די חברה בעראַבעווען מיך,
נו, מאַך שוין אַ סוף, די טיהר עפען אויף,
גענוג שוין געטריעבען דיין שפּאַס,
דו ווערסט דאָך, איך האָף, מיט דיין יעצטיגען שטראָף
מיך ניט לאָזען כערבלייבען אין גאַס.
דאָ שווער איך דיר יעצט ביי דער שוועל פון דער טיהר,
איך שפּיעל מעהר קיין קאָרטען מיט זיי,
און האָף אַז דו ווערסט מעהר ניט שרייען צו מיר :
אַ טרעמפּ ביסט דו, געה ווייטער, געה !